# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn



**Title**
Vos Ikh Hob Geleyent Far Di Toyte (What I Read to the Dead)

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/7xp0r153

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 93(1)



**Author**
Shklyar (Shklar), Moyshe (Moshe)



**Publication Date**
1979



**Copyright Information**
Copyright 1979 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

## משה שקליאַר

# „וואָס איך האָב געלייענט פאַר די טויטע“

### אַ לידער־בוך וועגן וואַרשעווער געטאָ, דערשינען אין פוילן

פּאַראַיאָרן צום 35סטן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, איז אין וואַרשע דערשינען אַ זאַמלונג לידער פון פּויליש־יידישן דיכטער וולאַדיסלאַוו שלענגעל, וועלכער איז אומגעקומען בעתן געטאָ־אויפשטאַנד. די לידער, אַרויסגעגעבן דורכן „מלוכהשן פּאַרלאַג אינסטיטוט“, האָט צונויפגעזאַמלט און באַאַרבעט אירענאַ מאַטשעיעווסקאַ. און זאָל דאָ גלייך געזאָגט ווערן, אַז וועלכע עס זאָל נישט האָבן געווען די סיבות פון אַרויסגעבן דאָס בוך (פּראָפּאַגאַנדע פאַר אויסלאַנד, באַווייזן די „יידן־פריינדשאַפט“ פאַר די הונדערטער געסט וואָס זענען געקומען פון פאַרשידענע לענדער צו די געטאָ־פייערונגען, אָדער אַנדערע סיבות) איז די זאַמלונג צונויפגעשטעלט געוואָרן מיט פּיעטעט פאַרן אומגעקומענעם דיכטער. עס איז כמעט אַן אַקאַדעמישע אויסגאַבע אין וועלכער די צונויפשטעלערין האָט אַריינגענומען אַלץ וואָס וולאַדיסלאַוו שלענגעל האָט געשאַפן אין דער צייט ווען ער האָט זיך געפונען אין דער וואַרשעווער געטאָ, פון סאַמע אָנהייב ביז זיין טראַגישן טויט אין אַפּריל 1943, אינעם בונקער אויף שווענטאָיערסקאַ גאַס נומער 36, חוץ איין ליד וועגן וועלכן עס וועט זיין אַ רייד שפּעטער.

דאָס בוך איז פאַרזען מיט אַן אויסשעפּיק פאָרוואָרט פון אַן ערך 30 זייטן, וואָס הייבט זיך אָן מיט אַ מאָטאָ פון אַברהם סוצקעווער, מיט אַ נאָכוואָרט פונעם רעדאַקטאָר, אויפקלערונגען וועגן באַזונדערע לידער, ווען זיי זענען אַנטשטאַנען און די געשעענישן צו וועלכע זיי האָבן אַ שייכות.

דער טיטל פונעם בוך — „וואָס איך האָב געלייענט פאַר די טויטע“ איז שלענגעלס.

## 4. מיין אַרב

ג־ט,  
מיין אַרב איז חלום.  
דאָס ליד איז היימלאָז און הייליק.  
גיב מיר מיין שטעקן  
און מיין שטילקייט.  
מיין ברויט און מיין שגעון.  
דער אומעטיקער מהלך  
איז פול מיט מאַכט.  
דער דראַנג איז אויסגעשטערנט.  
אַן אָרטלאָזע רו  
באַנייט מיין שאָטן,  
דינט אויס מיין פּנים.  
כ'וועל גיין, ג־ט,  
אָפּפרישן מיין שוויגן.  
זיך וואַרעמען ביי דיין וואָר,  
גוסען ביי דיין גאָב.

## 5. אַ גאַנץ לעבן

אַ גאַנץ לעבן,  
אַז איך דערמאָן חלומות  
און פאַרשווינדענישן.  
אָפּגעשלאָפענע שטופּעס  
פון מיין געשטאַלט.

ווי לאַנג

וועל איך נאָך אויסחלומען  
מיין חותם ?  
זיך נאָכשלייכן  
נאָך זיך אַליין?

אַזוי האָט ער אָנגערופֿן זיין לעדער־זאַמלונג וואָס ער האָט געגרייט אין געטאָ און וואָס טיילן פֿון איר האָבן זיך אויפֿגעהיט אינעם אונטערערדישן רינגלבלום־אַרכיוו. אין זיין פֿאָרוואָרט צו דער דאָזיקער זאַמלונג האָט דער דיכטער געשריבן: „איך קוק איבער און סעגרעגיר די לידער געשריבענע פֿאַר יענע וואָס זענען בישטאָ. אַט די לידער האָב איך געלייענט פֿאַר וואַרעמע, לעבעדיקע מענטשן, פֿול מיט גלויבן און אויסדויער, אינעם סוף, אינעם מאָרגן, אין נקמה, אין פֿרייד און בליונג. לייענט, דאָס איז אונדזער געשיכטע. דאָס האָב איך געלייענט פֿאַר די טויטע."

לייענען מיר איצט, לעבעדיקע, וואָס אונדזער געדעכעניש איז נאָך פֿול מיט יענע טויטע פֿאַר וועלכע דער דיכטער וולאַדיסלאַוו שלענגעל האָט געשריבן מיט פּוילישע אותיות, אָבער מיט אַ יידיש האַרץ און געמיט; לייענען מיר ליד נאָך ליד אַזוי ווי עס האָט די שאַפֿונגען אויסגעסדרט די צונויפֿשטעלערין פֿון דער זאַמלונג און ווידער גייט אויף פֿאַר אונדז דער גאַנצער גרויל פֿון געטאָ וואַרשע, פֿון אַלע יידן־געטאָס, פֿון יידישע ליידן און פּיין און פֿון יידישן ווידערשטאַנד און גבורה.

און עס דערמאָנט זיך מיר ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געהערט פֿון אַ בינע ערגעץ אין אַ שטעטל אין פּוילן, באַלד נאָך דער מלחמה, רעציטירן שלענגעלס ליד „קאָנטראַטאַק" — וועגן ערשטן באַוואָפֿנטן ווידערשטאַנד פֿון די יידן אין וואַרשעווער געטאָ אין יאַנואַר 1943:

„אַ בונט פֿון פֿלייש!
פֿלייש מיט גראַנאַטן פֿון פֿענצטער
שפּייט,
פֿלייש בייסט זיך איין מיט רויטע
פֿלאַמען
אין לעבנס רעשטן —
העי! סאַראַ פֿרייד איז צו שיסן אין די
אויגאַנעס!
דאָ איז אַ פּראַנט, מיינע הערן!

היער
טרינקט מאַן מער קיין ביער!
היער
האָט מאַן מער קיין מוט...

בלוט,
בלוט,
בלוט.

— — — — — — — — — —

ווי פּורפּורנע בלוט־רויטע בלומען
פֿון ניסקע און מילע, פֿון טוראַנאַווסקע
אַ פֿלאַם גייט אויף פֿון אונדזער ביקס—
ס'איז אונדזער פּאַרטיזאַנער־וואַלד
פֿון אַסטראַווסקע, דזשיקע, יעדער בליק,
אויף ברוסטן צאַפּלען די „בלאַק"־
נומערן,
אונדזערע מעדאַלן פֿון יידן־קריג.
אַ געשריי פֿון פֿיר אותיות זיך רויט
צעבליצט,
ווי אַ טאַראַן שלאָגט דאָס וואָרט זיי—
„בונט!"

(מיין איבערזעצונג — מ. ש.)

יעדעס וואָרט האָט זיך טיף אָפּגעשלאָגן אינעם צעווייטיקטן האַרץ און אין דמיון האָב איך געזען די יידישע קעמפֿער וועמען די דייטשן האָבן געוואָלט פֿאַרוואַנדלען אין „פֿלייש". און געזען האָב איך זייער ט ר י ו מ ף ווען זיי שיסן אין די אויגאַנעס פֿון די עסעסישע איבערמענטשן... און געטראַכט האָב איך דעמאָלט: ווער איז ער, דער דיכטער וולאַדיסלאַוו שלענגעל, דער מחבר פֿונעם „קאָנטראַטאַק"? ווער איז ער, וולאַדיסלאַוו שלענגעל?

דער כראָניקער פֿון וואַרשעווער געטאָ, ד"ר עמנואל רינגלבלום, פֿאַרצייכנט אין זיינע „כתבים": „וולאַדיסלאַוו שלענגעל... אַ יידיש־פּוילישער דיכטער, געשטאַמט פֿון לאָדזש. זיינע לידער געשריבן אין פּויליש זענען געווען זייער פּאָפּולער אין געטאָ. זיי האָבן איבערגעגעבן די שטימונגען פֿון געטאָ. די לידער זיינע פֿלעגן דעקלאַמירט ווערן אויף פֿאַרשידענע פֿאַרוויילונגען. זיי האָבן געוואַנדערט פֿון האַנט צו האַנט אין אָפּשריפֿטן אויף מאַשין אָדער העקטאָגראַפֿירטע. נישט געקוקט דערויף וואָס די לידער זענען קינסטלעריש געשטאַנען נישט הויך, האָבן זיי אָבער שטאַרק אויסגענומען, גערירט די צוהערער ביז טרערן, ווייל זיי זענען געווען אַקטועלע, באַרירט טעמעס מיט וועלכע די געטאָ האָט געלעבט, געפֿיבערט."

און ווייטער ברענגט רינגלבלום ציטאַטן פון אַ ריי לידער, וואָס מיר געפינען איצט אין דער זאַמלונג „וואָס איך האָב געליטן פאַר די טויטע“ און פון אַנדערע וואָס זענען צו אונדז נישט דערגאַנגען. אירענאַ מאַטשעיעווסקאַ דערמאָנט דערוועגן אין איר פאַרוואָרט.

אַ ברייטערע אינפאָרמאַציע וועגן דיכטער און די וועגן און אומוועגן דורך וועלכע זיין שאַפונג האָט דערגרייכט צו אונדז געפינען מיר אין ב. מאַרקס בוך: „אומגעקומענע שרייבערס פון די געטאָס און לאַגערן“, פאַרלאַג „יידיש בוך“, וואַרשע 1954. „וולאַדיסלאַוו שלענגעל—שרייבט דער מחבר— האָט אין געטאָ דורכגעמאַכט אַ גרויסן אַנטוויקלונגס וועג: פון רעווי־לידער צו שטאַרקער ליריק און טיילווייז אויך צו עפּאָס פון פאַרשידענע דערשיינונגען אינעם געטאָ לעבן. די גאַמע פון שלענגעלס טעמאַטיק איז זייער אַ ברייטע.“ די דאָזיקע אָפּשאַצונג איז אַ ביסל אין ווידערשפּרוך צו רינגלבלומס, לויט וועמען שלענגעלס לידער „זענען געשטאַנען נישט צו הויך“. אָבער וויזט אויס, אַז דער געטאָ־כראָניקער האָט מער געהאַט פאַרן אויג אָט די דערמאָנטע רעווי־לידער און סאַטירעס, וואָס שלענגעל פלעגט פאָרלייענען אינעם פאַרווילונגס לאָקאַל „שטוקאַ“ (קונסט) אויף לעשנאָ גאַס פאַר דער גרויסער ליקווידאַציע פון די יידן אין יולי־סעפּטעמבער 1942, בעת ב. מאַרק האָט געקוקט אויף שלענגעלס שאַפונג פון אַ פּערספּעקטיוו און געזען איר אינערלעכע אַנטוויקלונג. די דאָזיקע אינערלעכע אַנטוויקלונג שטרייכט אויך אונטער אירענאַ מאַטשעיעווסקאַ אין איר פאַרוואָרט צום בוך. זי שרייבט:

„שלענגעל האָט אויפגענומען די עקסטרעמע דערפאַרונגען פונעם געטאָ. ער האָט געאַרבעט אין ‚שטוקאַ‘, דעם פאַרווילונגס לאָקאַל ווו ס'האָט זיך צוו. אַנד. געזאַמלט די פינאַנץ־עליטע פון געטאָ. אָבער גלייכצייטיק האָט ער צוזאַמענגעאַרבעט מיט יאַנוש קאָרטשאַק... ער האָט געזען די ווידעראַנאַנדן אין דעם ‚פּערטל פון פאַרמשפּטע‘ און זיי באַשריבן אין אַלע טאָנאַציעס, אַזוי ווי דאָס לעבן האָט זיי געטראָגן. דערמיט, אַז אין דער צייט פון די ליקווידאַציע אַקציעס אין יולי 1942, האָבן די פּראָפּאָרציעס זיך באַדייטנדיק איבערגערוקט. שלענגעל איז איצט געוואָרן—דער דיכטער פון די אומגעקומענע, דער דיכטער פון די דערמאָרדעטע...

„עס איז אַ מערקווירדיקער פאַקט. געקאָנט וואָלט זיך דאַכטן, אַז אין באַדינגונגען פון טויט־געפאַר, פון מאַסן־אומקום... שטאַרבט אָפּ יעטוועדע שאַפונג, פאַלט אַרויס די פעדער פון האַנט. געווען איז אַנדערש: אָט די צייט פון ענדגילטיקער באַדראָאונג, אָבער אויך פון באַנעמען אַז ‚דער גורל איז געחתמעט‘, אַז עס ווערט דורכגעפירט דער גרויזאַמסטער מאָרד אין דער געשיכטע, האָט באַפרייט אינעם דיכטער אַ פאַרשטאַרקטע שעפערישע אַקטיוויטעט, איז גורם געווען אַז ער זאָל אָנשרייבן אפשר די בעסטע טעקסטן זיינע, אַזעלכע ווי דאָס געווידמעטע יאַנוש קאָרטשאַקן ‚בלעטל פונעם טאָג־בוך אַקציע,‘ ווי דאָס ליד ‚דענקמאָל‘, געווידמעט די יידישע מאַמעס, ווי ‚זאַכן‘, אָדער ‚קאָנטער־אַטאַק‘, וואָס איז אַנטשטאַנען אין לעצטן פּעריאָד פונעם געטאָ.“

און אויף אַן אַנדער אָרט: „שעצנדיק דעריבער שלענגעלן ווי דעם דיכטער פון קאַמף, דעם דיכטער וואָס אויסדריקנדיק די ווידערשטאַנד־שטימונגען אין געטאָ, האָט אָנגעשריבן ‚קאָנטראַטאַק‘, דאַרפן מיר אויך פונקט אַזוי שעצן שלענגעלן דעם דיכטער, וועלכער האָט אין שרעקלעכע באַדינגונגען צווישן געשטאָרבענע און שטאַרבנדיקע, געשריבן זיינע „בלעטלעך ביי דער טויטן־וואַנט“, ווו עס זענען פאַראייביקט געוואָרן די שרעקלעכסטע דערפאַרונגען פון דער לעצטער מלחמה... פון אָט די כראָניקאַלע פראַגמענטן פון געשעענישן, געפילן און איבערלעבונגען קומט אויף אַן אייגנאַרטיקער פּאָעטישער עפּאָס פון די געטאָ־מענטשן, אַן עפּאָס וואָס איז נישט געשריבן געוואָרן פּאָסט פאַקטום, וואָס איז אפשר גאָר נישט מעגלעך אָנצושרייבן פון אַ פּערספּעקטיוו.“

* * * * *

ווען מיר האָבן פאַר זיך אַזאַ אָפּשאַצונג פון אַ דיכטער איז פאַרשטענדלעך די פּיעטעט מיט וועלכער דאָס בוך איז צונויפגעשטעלט געוואָרן. איך וואָלט גרייט געווען אויסצודריקן דאַנקבאַרקייט צו אירענאַ מאַשטעיעווסקאַ פאַר איר מיפּולער אַרבעט און אפילו פאַרזען אַזאַ „קלייניקייט" ווי דאָס פאַרוואַנדלען אין איינער פון די דערקלערונגען דעם קדוש שמואל זיגלבוים אין... „אַ מיטגליד פונעם נאַציאָנאַלן ראַט פון די אַלגעמיינע ציוניסטן אין לאָנדאָן." איך קאָן אָבער נישט פאַרזען אַ גאַנץ ליד וואָס פעלט מיר אין דער זאַמלונג, און איך ווייס נישט וועמעס שולד דאָס איז. מיר ווילט זיך גיכער גלייבן אַז עס שטעקט דאָ די „וואַכזאַמע" האַנט פון דער פוילישער צענזור, און נישט די האַנט פון דער צונויפשטעלערין פונעם בוך.

גראַד דאָס ליד וועגן וועלכן עס וועט זיין אַ רייד, געהערט נישט צו די פאַרלוירן־געגאַנגענע, ווי פיל אַנדערע לידער פון וולאַדיסלאַוו שלענגעל, וועגן וועלכן ב. מאַרק שרייבט, אַז ער איז געווען דער סאַמע פּרוכטבאַרסטער פון צווישן די פויליש־שרייבנדיקע דיכטערס אין וואַרשעווער געטאָ. עס איז אָפּגעדרוקט אין דער אַנטאָלאָגיע פון לידער וועגן יידן אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע, רעדאַקטירט דורך מיכאל באָרוויטש און דערשינען אין פוילן (אין פויליש) אין 1947. עס איז אויך איבערגעדרוקט געוואָרן אין 1950 (ווי עס גיט איבער אירענאַ מאַטשעיעווסקאַ גופא אין איר רעדאַקטאָריש נאָכוואָרט) דורך די פוילישע דיכטערס פון יידישער אָפּשטאַמונג לעאָן פּאַסטערנאַק און יאַן שפּיעוואַק אין זייער אַנטאָלאָגיע „פוילישע סאַטירישע פּאָעזיע". נאָר ווייזט אויס אַז וואָס מען האָט געקענט אין 47' און אין 50' אין קאָמוניסטישן פאָלקס־פוילן טאָר מען נישט אין 1977-1978...

אירענאַ מאַטשעיעווסקאַ האָט איבערגעדרוקט אַלע לידער פון וולאַדיסלאַוו שלענגעל, וואָס געפינען זיך אין מיכאל באָרוויטשעס אַנטאָלאָגיע, צוזאַמען ניינצן. זי גיט אָן דעם קוואַל. זי דערמאָנט בלויז נישט, אַז זי האָט אויסן געלאָזן דאָס ליד „ביים סטרוזש דער שליסל", וואָס איך ברענג דאָ ביים סוף אין מיין איבערזעצונג.

פאַרוואָס? ווי געזאָגט, איז דאָס בוך כמעט אַן אַקאַדעמישע אויסגאַבע. אייניקע לידער זענען אפילו געגעבן אין צוויי וואַריאַנטן. אין אַ באַזונדערער אָפּטיילונג זענען אָפּגעדרוקט לידער וואָס דער מחבר אַליין האָט געהאַט אַרויסגענומען פון זיין צוגעגרייטער זאַמלונג אין געטאָ, ווייל ער האָט זיי געהאַלטן פאַר שוואַכע. מערסטנס זענען עס סאַטירישע שאַפונגען. „ביים סטרוזש דער שליסל" איז אויך אַ סאַטירישע שאַפונג. עס איז אַ פאַרביטערטע סאַטירע וועגן פוילישע שכנים, וואָס האָבן גערויבט יידיש האָב און גוטס נאָך איידער די יידן זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין געטאָ. וואָס אַן אמת, שרייבט וו. שלענגעל אין זיין „נאָטיץ פאַר פּעדאַנטן", וואָס איז פאַרעפנטלעכט אינעם בוך, אַז אין דער אויסגאַבע פאַרן פוילישן לייענער האָט ער נישט אַריינגענומען דאָס ליד „וואַרטנדיק מיטן פאַרעפנטלעכן די דאָזיקע דראַסטישע טעמע (דעם שליסל דאַרף מען נישט נעמען בוכשטעבלעך) אויף טעג ווען די פאַנאַנדערגעוויקלטע דורך די ברוינע בעסטיעס נאַציאָנאַלע ליידנשאַפטן וועלן פאַרלירן די פּורפּור קאָלירן און מען וועט קענען רויק זיך פאַנאַנדעררעכענען פון די שכנישע חטאים."

איז אפשר האַלט אירענאַ מאַטשעיעווסקאַ אָדער דער פאָלקס־פוילישער צענזאָר אַז די דאָזיקע טעג זענען נאָך נישט געקומען אין פוילן?

* * * * *

וואָס שייך דעם ליד וואָס מיר ברענגען ווייטער פאָדערט זיך אַ געוויסע אויפקלערונג וועגן טיטל: אין טייל הויפן פון פאַר מלחמהדיק וואַרשע פלעגן זיין עפנטלעכע אָפּטריטן און דעם שליסל האָט געהאַלטן דער סטרוזש (הויז־וועכטער). פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל האָט אַ פרעמדער פאַרבייגייער אין אַ „נויט" געקענט באַקומען דעם שליסל.

**וולאַדיסלאַוו שלענגעל**

# ביים סטרוזש דער שליסל

געזען כ'האָב נעכטן אויף דער גאַס דיך,
מיין הער — פון שיכרות אַנגעצונדן
דאָס בלייך געזיכט און האָר די בלאָנדע —
ס'האָט אונדז דער גורל דאָך פאַרבונדן.

דאָס לעבן בליט איצט ווי אַ רויז דיר,
דעם יידן־שלאַנג האָסט שוין דערשלאָגן,
מיין הער פון טירל — ביים סטרוזש דער
שליסל —
איז דיר מיין פוטער גוט צו טראָגן?

איך לעב נאָך אַלץ און האָף דעם מאָרגן
דערלאַנגען מיט מיין בליק און האַנט נאָך
און דו אינעם „ריין אַרישע פּאַראַדיז״ —
ווי טראָגט זיך דיר מיין פוטער־מאַנטל?

מיר קענען לאַנג זיך, הער ווישניעווסקי,
מיין לעבן ז'נישט געווען קיין שאַרזש,
אַ סענטימענטאַלע טרער פאַרבינדט אונדז
און אַ געמיינזאַמער גאָר לאַנגער מאַרש.

מיר קענען זיך פון פאַרן קריג נאָך,
אין הויף מיר פלעגן אָפט זיך גריסן,
אין יד גענומען האָסט ביים טויער,
געהיט דאָס טירל — ביים סטרוזש דער
שליסל.

פינף זלאָטעס און — נישטאָ קיין ראַסע,
געטראָגן ברעטלעך פאַר מיין אויוון.
פאַר דעם פּרינציפּ מיין — „לעבן לאָסן״
ביסט גרייט געווען מיך שטענדיק לויבן.

און אין דעצעמבער איידער ס'האָט זיך
דער ערשטער ווינטער־פראָסט געוויזן,
אַדורכגעלופטערט האָסט דאָס פוטער
פון דיכטער שלענגל — כאָטש אַ ייד ר'איז.

און ווען אין ווינט כ'האָב איינגעהערט זיך
אין ליד פאַרוואַנדלענדיק זיין זשומען,
ווען פאַר טעאַטער כ'האָב געשריבן,
אַז ס'איז דאָס לעבן נישט בלויז אומעט.

ווען מיין פאַנטאַזיע פונעם מזרח
איך האָב געשטופּט אין צפון־קאָפּ דיר
ס'זאָל אַזוי גרוי נישט זיין דיין לעבן,
נאָר כאָטש אַביסל מיט קאָלירן;

ווען פון די וואַנדער־וועגן מיינע
געבראַכט כ'האָב מעשיות דיר און וויסן,
דו, מיין ליבער הער ווישניעווסקי,
געהיט דאָס טירל האָסט — ביים סטרוזש
דער שליסל.

און נאָך דעם — אַ געשריי צום הימל,
דאָרט האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן —
אין טאַנץ פון באָמבעס און גראַנאַטן
געוואָיעט האָט דער טויט פאַרביסן.

און איך געווען בין דיר אַ חבר
אין וועג וואָס אָנגעזאָגט אונדז בלוט האָט.
באַגעגנט האָב איך דיך, ווישניעווסקי,
אין מאַרש צום פראָנט אַהינטער קוטנע.

צו אונדזער ביידנס פרייען מאָרגן,
פאַר אַ קאַיאַר וואָס בלוי און ציכטיק,
פאַר אונדזער ערד געשפּאַנט אין פוסטראָט
עס האָט ווישניעווסקי און — דער דיכטער.

אויף „דו״ געווען מיר זענען ביידע,
קאַשע פון איין טאָפּ געפרעסן,
געזונגען כ'האָב מיט דיר „ראַזמאַרין״
און אין ליד זיך ווי פאַרגעסן...

אונטער איין דעק אונדז נאַכט ט'געשמיסן,
געבלוטיקט אין די לאַנגע מאַרשן,
געפּליסטערט אין די נעכט די שוואַרצע —
אַ חבר מיין... פאַר אונדזער וואַרשע!...

אַ באָמבע־שפּליטער אונדזער האָפענונג
צו ענד געבראַכט האָט און דורך שטעגן
פון וועלדער האָבן אומגעקערט זיך
איך און ווישניעווסקי — מיין קאָלעגע...

ביים ראַנד פון וואַרשע דער געשענדעטער
מיט טרערן האָבן מיר צעשיידט זיך.
געזאָגט דו האָסט מיר: סערוווס וולאַדעק,
— סערוווס ווישניעווסקי — כ'האָב באַגלייט
דיך...

און פאַרגעסן האָסט — מיר ווערן ביידע
פון זעלבן שטורעמווינט געריסן.
די שטיוול פוצסט די בייע פאַנעס,
איפסביי ביים טירל — ביים סטרוזש דער
שליסל.